- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## לבחורי חמד

### תכלית העולם
### דביקות בהשי"ת

יו"ל ע"י
**מכון שפה ברורה**
**שע"י חסידי קאסוב**
שבת שקלים שנת תשפ"ג לפ"ק

- גליון כב -

**כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון**

נתנדב ע"י ידידינו היקר שביקרים האברך החשוב הנכבד והמפואר,
איש האשכולות העושה גדולות, ירא ושלם המוכתר בכל מעלה
ותואר, בעל מדות תרומיות מפורסם לשם ולתהלה בפי ישרים,

# כש"ת מו"ה אהרן גרויז הי"ו

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א יגן בעדיו שיתברך
בכל מעשי ידיו בשפע ברכה והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן וחסד בעיני
אלקים ואנשים בכל חפציו מתוך עושר ואושר כל ימי חייו

וע"י ידידינו היקר שביקרים, מופלא ומופלג בכל המעלות
ובעל מידות תרומיות ומוזהבות,

# הרוצה בעילום שמו

לעילוי נשמת

הרה"ח מו"ה **משה יהודה** בן **צבי** ע"ה

וזוגתו מרת **חוה** בת **שמואל** ע"ה

מרת **לאה** בת **יקותיאל יהודה** ע"ה

והרה"ח מו"ה **אברהם אהרן** בן **מנחם מענדל** ע"ה

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א יגן בעדיו שיתברך בכל מעשי ידיו
בשפע ברכה והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן וחסד בעיני אלקים ואנשים בכל חפציו
מתוך עושר ואושר כל ימי חייו

הלימוד בגליון הלז
יהיה לזכות רפואתו השלימה והמהירה של
**מרן רבינו שרגא פייביש בן מלכה שליט"א**
בתוך שאר חולי ישראל

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תכלית העולם
# דביקות בהשי"ת

## תכלית פון תורה איז צו ווערן דבוק אין מקושר אינעם אויבערשטער

טייערע בחורים, ב"ה מ'זעט און מ'הערט אז מ'זיצט און מען לערנט פלייסיג, מ'דאווענט ווי עס דארף צו זיין, אבער עס מאכט זיך אסאך מאל ווען מען איז עוסק מיט קיום המצוות ומעשים טובים אז מען פארגעסט די עיקר מכוון פון תורה ומצוות, און עס איז כדאי אמאל דאס אויסצושמועסן אויפ'ן שפיץ גאפל בבחי' תן לחכם ויחכם עוד.

דער טור אין הלכות ברכת התורה (או"ח סימן מ"ז) ברענגט אראפ די גמרא (נדרים פא.) אויפן פסוק (ירמיהו ט, יא) **עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ**, פארוואס איז די בית המקדש חרוב געווארן? זאגט די גמרא 'דבר זה נשאל לחכמים ולנביאים ולא פירשוהו', מען האט עס געפרעגט פון די חכמים און נביאים און זיי האבן נישט געענטפערט.

ביז דער אויבערשטער אליינס האט געענטפערט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שם, יב) **וַיֹּאמֶר ה' עַל עָזְבָם אֶת תּוֹרָתִי אֲשֶׁר נָתַתִּי לִפְנֵיהֶם וְלֹא שָׁמְעוּ בְקוֹלִי וְלֹא הָלְכוּ בָהּ**. איז די גמרא מסביר, 'אמר רב יהודה אמר רב, שאין מברכין בתורה תחלה', עס איז געקומען וויבאלד מען האט נישט געזאגט ברכת התורה פארן לערנען.

פרעגט דער ב"ח (שם ד"ה ומ"ש דאמר רב יהודה וכו'). לכאורה איז עס א גרויסע וואונדער אז דער אויבערשטער זאל אזוי שטארק באשטראפן

פאר אזא סיבה, בלויז פארן נישט זאגן ברכת התורה איידער מען האט אנגעהויבן צו לערנען.

ענטפערט דער ב"ח, די כוונה פון דער אויבערשטער מיטן געבן די תורה פאר כלל ישראל איז געווען אז מ'זאל עוסק זיין אין תורה אויף א וועג אז אונזער נשמה זאל ווערן איינס מיט די קדושה פון די מקור התורה, דאס מיינט אז דורך די תורה וואס מען לערנט זאלן מיר קענען שטענדיג זיין צוגעבינדן מיטן אויבערשטן.

און ווען מען לערנט די תורה אויף אזא אופן - צו ווערן מקושר צו דער אויבערשטער - איז מען זוכה צו ווערן א מרכבה און א מקור ווי די שכינה קען רוען און שורה זיין צווישן כלל ישראל, און די גאנצע וועלט שיינט און לייכט פונעם כבוד פון דער אויבערשטער.

**"ווען מען לערנט די תורה אויף אזא אופן, איז מען זוכה צו ווערן א מרכבה און א מקור ווי די שכינה קען רוען און שורה זיין צווישן כלל ישראל, און די גאנצע וועלט שיינט און לייכט פונעם כבוד פון דער אויבערשטער"**

אבער וויבאלד מען האט נישט געזאגט ברכת התורה, מען האט נישט געדאנקט דער באשעפער אויף די תורה וואס ער האט געגעבן, דאס איז געקומען פון דעם וואס מען האט נישט אנערקענט אין די גרויסקייט אין חשיבות פון די תורה, נאר מען האט געלערנט די תורה בלויז אויף וויסנשאפט, אזוי ווי מען לערנט סתם א חכמה, ממילא איז מען נישט געווארן דבוק ומקושר צום באשעפער דורך די תורה וואס מען האט געלערנט, און נישט קיין חילוק וויפיל מען האט געלערנט, איז עס אבער נישט געלערנט געווארן לויט די מטרה און תכלית פארוואס דער באשעפער האט אונז געגעבן די תורה.

דעריבער האט מען גורם געווען אז די שכינה זאל ארויפגיין און נישט רוען צווישן כלל ישראל, ווייל אויב איז מען נישט פארבינדן מיט דער אויבערשטער קען נישט דער אויבערשטער רוען צווישן אונז. ממילא איז די וועלט געבליבן ליידיג אן קיין קדושה און רוחניות, און דאס

האט גורם געווען אז די בית המקדש זאל חרוב ווערן, און אז די אידן זאלן פארטריבן ווערן אין גלות.

## די כח הקדושה וואס ליגט אין די נשמה פון יעדע איד

יעדע איד פארמאגט אין זיך א נשמה מיט א גוף, די נשמה איז א 'חלק אלקי ממעל', עס איז איין שטיק רוחניות, און די גוף איז 'עפר מן האדמה' עס איז גשמיות.

די ארבעט און תכלית פון א מענטש אויף די וועלט איז, אז ער זאל אריין לייגן א עבודה אין די חלק הנשמה, עד כדי כך אז די גוף זאל אויך נשפע ווערן דערפון, און עס זאל נתפשט ווערן די חלק אלקי ממעל פונעם מענטש אויך אין די גוף[א], און אזוי זאל א איד זיין מקושר און דבוק צו דער אויבערשטער.

ווען די אידן זענען געשטאנען ביי מתן תורה און האבן מקבל געווען די תורה, האט דער אויבערשטער אריינגעפלאנצט אין יעדע איד די כח און יכולות צו קענען משיג זיין די גאנצע תורה.

אזוי אויך האט דער אויבערשטער דעמאלטס אריינגעגעבן א געטליכקייט אין די נשמה פון יעדע איד אין כלל ישראל אז די נשמה זאל האבן די מעגליכקייט זיך צו קענען האלטן נאנט מיטן אויבערשטן אין עס זאל קענען נתפשט ווערן געטליכקייט אין די גוף, אז די גאנצע גוף זאל קענען ווערן אנגעפילט מיט רוחניות אז אפילו די גוף זאל קענען אינגאנצן בטל ווערן פארן רבוש"ע.

אזוי ווי עס האט ווירקליך פאסירט ביי מתן תורה ווען דער אויבערשטער האט געזאגט די ווערטער 'אנכי ה' אלקיך', אזוי ווי עס שטייט אין

א וידוע מה דאיתא בשם הרה"ק מהר"ש מ'בעלזא זי"ע, ששאלו בנו הקטן על מה שאומרין 'אלקי נשמה שנתת בי טהורה היא' דמי הוא שאומר דברים אלו, דהרי הגוף אינו יכול לדבר, ואיך יאמר נשמה שנתת בי, והנשמה הרי אינה יכולה לומר נשמה שנתתי בי. ותירץ לו אביו, שאם זוכין ומזככין את הגוף, אז גם הגוף נעשה כנשמה, ויכול לומר נשמה שנתח בי, עכ"ל.

חז"ל (שבת קמו.) 'פסקו זוהמתן'. די זוהמא פון די נשמה איז געענצליך אפגעשיידט געווארן, און די נשמה האט זיך אפגעטיילט פונעם גוף. און ווי עס שטייט אין חז"ל (שבת פח:) 'כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקדוש ברוך הוא, יצתה נשמתן של ישראל', און מען האט זיי געדארפט צוריק מחיה מתים זיין[ב].

און ווען דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה פאר כלל ישראל האט דער אויבערשטער אריינגעלייגט אין די תורה זיין קדושה און געטליכקייט, כביכול דער אויבערשטער האט זיך אליינס מיטגעגעבן מיט די תורה.

אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (שבת קה.) 'אנכי' איז ראשי תיבות **א**'נא **נ**'פשי **כ**'תבית **י**'הבית, אז כביכול דער אויבערשטער האט געגעבן זיין נפש און רצון צוזאמען מיט דער כתב פון די תורה וואס איז געווען געשריבן 'אש שחורה על גבי אש לבנה' (שקלים טז:).

ווען מ'טראכט אריין איז דאס בעצם זייער א פשוט'ע נקודה, וואס איז די תורה? די תורה איז געגעבן געווארן פאר כלל ישראל, אז מען זאל וויסן וואס דער אויבערשטער האט באפוילן צו טון, און וואס ס'איז זיין רצון.

קומט אויס אז ווען מען לערנט תורה, לערנט מען דעם רצון ה', מען טראכט אריין אין די רצון ה', און דורכדעם ווערט מען מקושר צו די רצון ה'. און דאס אלעס האט שוין דער אויבערשטער אריינגעלייגט אין די נשמה פון א מענטש, און א מענטש פארמאגט אינעווייניג אין זיך די כוחות צו ווערן מקושר צו דער אויבערשטער, נאר די עבודה וואס

---

ב דאיתא שם בגמרא, אמר רבי יהושע בן לוי, כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקדוש ברוך הוא יצתה נשמתן של ישראל, שנאמר (שיר השירים ה, ו) נפשי יצאה בדברו. ומאחר שמדיבור ראשון יצתה נשמתן, דיבור שני היאך קיבלו, ומתרץ הגמרא דהוריד הקב"ה טל שעתיד להחיות בו מתים, והחיה אותם. שנאמר (תהלים סח, י) גשם נדבות תניף אלהים נחלתך ונלאה אתה כוננתה. ואמר רבי יהושע בן לוי, כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקדוש ברוך הוא חזרו ישראל לאחוריהן שנים עשר מיל, והיו מלאכי השרת מדדין אותן, שנאמר (תהלים סח, יג) מלאכי צבאות ידדון ידדון, אל תיקרי ידדון אלא ידדון.

דער מענטש דארף ארבעטן זיין גאנצע לעבן איז דאס ארויסצוברענגן מכח אל הפועל.

## ווען א מענטש פארמערט די כח פון זיין נשמה ווערט די גוף אויך מקודש

און אזוי ווי מען זעט ווען עס געקומען צו בויען די משכן אין מדבר, האט מען געבויט די ארון הקודש, אזוי ווי עס שטייט אין פרשת תרומה, די ארון איז געבויעט געווארן פון פשוט'ע גשמיות'דיגע זאכן, פון האלץ און גאלד.

אבער איינמאל מען האט אריינגעלייגט דערין די לוחות און די ספר תורה, האט עס באקומען גאר א הויכע קדושה און עס איז בטל געווארן די כח הגשמי, און עס איז נתהפך געווארן צו איין שטיק רוחניות. אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (יומא כא.) 'מקום הארון אינו מן המידה', די ארון האט נישט תופס מקום געווען, ווייל עס איז געווען בלויז רוחניות.

די לימוד וואס אונז קענען זיך לערנען דערפון, אז א מענטש טראץ וואס ער האט גוף וואס איז גשמיות'דיגע זאך און עס איז די פארקערטע פון רוחניות, אבער ווען ער לערנט תורה און איז זיך מדבק זיין מחשבה מיט א דביקות און התקשרות צום רבוש"ע, און ער נעמט אריין אין זיך די תורה, טוט ער דערמיט מקדש זיין זיינע גשמיות'דיגע חלקים, און זיין גוף ווערט אויך פארהייליגט און עס ווערט איבערגעקערט צו רוחניות, און זיין גוף ווערט ווי א לעבעדיגע ארון הקודש וואס ענהאלט אין זיך די תורה מיט א הייליגקייט און דבקות צום אויבערשטן.

## די גשמיות'דיגע גוף ווערט נהפך צו רוחניות

און דאס איז די עבודה וואס א איד דארף שטענדיג ארבעטן און שטרעבן צו אויסארבעטן די גוף אז עס זאל ווערן א חלק פון זיין רוחניות'דיגע חלק, א חלק פון זיין נשמה.

אזוי ווי מען זעט דער ענין פון דעם וואס עס שטייט אין חז"ל (דברים רבה ט, ד) אין דער טאג וואס משה רבינו איז נפטר געווארן האט משה רבינו געשריבן דרייצן ספרי תורות[ג]. שטעלן זיך די מפרשים[ד], עס שטייט דאך[ה] אז משה רבינו איז נפטר געווארן אום שבת, אויב אזוי ווי האט משה רבינו געקענט שרייבן די ספרי תורות אין שבת.

דער רמ"ע מפאנו ז"ל ענטפערט[ו], אין הכי נמי די יציאת נשמה וואס עס איז נסתלק געווארן די נשמה איז געווען ערב שבת, אבער משה רבינו האט נאך געלעבט ביז שבת קודש די צייט פון מנחה און רעוא דרעוין, און נאר דעמאלטס איז די גוף נסתלק געווארן, דעריבער האט משה רבינו געקענט שרייבן אין שבת.

דאס הייסט אזוי, צווערשט דארף מען פארשטיין ווי אזוי קען זיין אז משה רבינו איז שוין נפטר געווארן ערב שבת און האט ווייטער געלעבט ביז מנחה?

נאר וואס דען משה רבינו איז צוגעקומען צו אזא הויכע מדריגה אז זיין חלק הרוחני - זיין נשמה - איז נתפשט געווארן אויף זיין גאנצע גוף, און די גשמיות'דיגע גוף איז פשוט נתעלה געווארן צו אזא הויכע מדריגה אז ס'איז געווארן איבערגעקערט צו רוחניות, און עס איז נתעלה געווארן צו א דרגה פון א נשמה.

אזוי ווי עס שטייט אין ספה"ק[ז] אויפן פסוק (דברים לד, ו) **וְלֹא יָדַע אִישׁ אֶת קְבֻרָתוֹ**, אז משה רבינו איז באגראבן געווארן אין יעדע איד. דאס

---

ג דער מדרש דארט איז מסביר פארוואס ער האט געשריבן דרייצן ספרי תורות, צוועלף ס"ת פאר די צוועלף שבטים, און איין ספר תורה צו אריינלייגן אינעם ארון ה'.

ד רא"ש (פסחים פ"י סימן י"ג) ועיי"ש בקרבן נתנאל.

ה רא"ש שם, והובא באו"ח סימן רצ"ב סעיף ב'.

ו בספה"ק עשרה מאמרות, (מאמר חקור הדין חלק ב' פרק י"ג, והובא בב"ח או"ח סימן רצ"ב).

ז הובא בשם צדיקים, והוא ע"פ דברי התיקוני זוהר (ס"ט קי"ב א'), דבכל אדם מישראל בכל הזמנים יש ניצוץ ממשה רבינו, ולפי"ז אמרו דורשי רשומות עה"פ 'וילך משה', דנכנס משה רבינו לתוך תוכו של כל אדם מישראל, ולפיכך אמרה תורה ולא ידע

הייסט אז די גאנצע משה רבינו איז נתהפך געווארן פאר איין שטיק רוחניות און עס איז אריינגעלייגט געווארן אין יעדע איד א ניצוץ פון משה רבינו.

**"משה רבינו איז צוגעקומען צו אזא הויכע מדריגה, אז זיין חלק הרוחני איז נתפשט געווארן אויף זיין גאנצע גוף, און די גשמיות'דיגע גוף איז פשוט נתעלה געווארן צו אזא הויכע מדריגה אז ס'איז געווארן איבערגעקערט צו רוחניות, און עס איז נתעלה געווארן צו א דרגה פון א נשמה"**

און אזוי אויך זעט מען אין חז"ל אז א תלמוד חכם ווערן אנגערופן 'משה'[ח], אזוי ווי עס שטייט (שבת קא: ושאר מקומות) אז די אמוראים האבן געזאגט איינער פארן צווייטן **'משה שפיר קאמרת'**. און די תורה ווערט אנגערופן אויפן נאמען פון משה רבינו ווי ס'שטייט אין פסוק (מלאכי ג, כב) **זִכְרוּ תּוֹרַת מֹשֶׁה עַבְדִּי**.

משה רבינו האט אריינגענומען אין זיך די תורה אויף אזא הויכע מדריגה ביז ער האט זוכה געווען אז די תורה און די כח הרוחני איז נתפשט געווארן אויף זיין גאנצע גוף, און זיין גוף איז אויך נתקדש געווארן צו די דרגה פון א נשמה, און קיין שום גשמיות'דיגע חלק האט מער נישט תופס מקום געווען אין זיין גוף.

דעריבער איז משה רבינו געווען א אויסנאם אז זיין גוף האט געקענט ווייטער לעבן נאך יציאת נשמה, וויבאלד עס איז מער נישט געווען ביי אים אזא מציאות אז די גוף איז מחובר צו די נשמה וואס רוהט אין איר, ווייל די גוף אליין איז נתעלה געווארן צו די דרגה פון א נשמה.

ממילא פארשטייט מען אז דאס וואס דער אויבערשטער האט באפוילן א איד אז מען טאר נישט טון די ל"ט מלאכות אין שבת, דאס איז א חיוב אויף יעדע מענטש וואס לעבט אויפן וועלט, און זיין גוף איז מקושר צו די נשמה, און ווען עס קומט שבת באקומט דער מענטש

---

איש את קברתו, לפי שמשה רבינו נקבר בלבו של כל אדם מישראל.

ח עיין ברש"י חולין צג: (ד"ה משה).

אן עליה און ווערט דערהויבן און העכער, און ער באקומט א נשמה יתירה, ער איז מחויב צו היטן און מכבד זיין די שבת.

לו יצויר אויב עס וואלט געווען שייך אזא זאך, אז די גוף פון א מענטש זאל קענען ווייטער לעבן נאכדעם וואס זיין נשמה איז שוין ארויס פונעם גוף, וואלט דער גוף נישט געווען מחויב צו היטן שבת, ווייל עס באקומט נישט קיין נשמה יתירה, און עס האט נישט קיין עליה ווען עס קומט שבת. אבער - ווי פארשטייט זיך - ס'איז נישט מעגליך אזא זאך במציאות, ווייל א גוף בלי נשמה האט פשוט נישט קיין קיום און קען נישט עקזעסטירן

ממילא פארשטייט מען אז משה רבינו וועלכע איז נתעלה געווארן אויף אזא הויכע מדריגה, אז זיין גוף איז נתהפך געווארן צו א נשמה, דעריבער האט די גוף געקענט ווייטער ממשיך זיין צו לעבן נאכדעם וואס די נשמה איז שוין ארויס פונעם גוף.

אזוי אויך פארשטייט מען אז דער אויבערשטער האט נישט געגעבן די מצוה פון שבת פאר איינער וואס האט נישט קיין נשמה, דעריבער האט משה רבינו בכלל נישט געהאט קיין פראבלעם צו שרייבן ספרי תורות ביום פטירתו אינעם טאג פון שבת.

## די נשמה דאס איז דער מענטש

די מהות פון א מענטש איז זיין חלק הנשמה, און נאר וואס זאכן וואס די נשמה טוט און פארדינט ווערט פאררעכנט ווי דער מענטש האט עס פארדינט און באקומען, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין חובת הלבבות ווען ער רעכנט אויס געוויסע חלקים וואס געהערט צו דער מענטש און געוויסע חלקים וואס געהערט נישט צו דער מענטש.

זאגט דער חובת הלבבות, די מצוה און מעשים טובים וואס דער מענטש טוט דאס איז זיינ'ס, און דאס געהערט צו אים, און עס

פארבלייבט שטענדיג ביי אים לעולמי עד, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (בבא בתרא יא.) 'אבותי גנזו למטה ואני גנזתי למעלה'[ט].

ווייל די תכלית פארוואס די נשמה איז אראפגעקומען אויף די וועלט איז צו פארמערן קדושה און הייליגקייט, און וויפיל קדושה מען איז מוסיף אזוי פיל האט די נשמה און דאס איז וואס די נשמה איז קונה אויף די וועלט. אזוי אויך איז פארהאן נאך א עבודה, אזוי ווי מען האט אויבן ערקלערט אז די נשמה זאל נתפשט ווערן אויך אויפן גשמיות'דיגע חלק פונעם מענטש.

און ווען די נשמה איז מצליח צו מרבה זיין קדושה און געטליכקייט, און אזוי אויך ווען די נשמה איז מצליח צו נתפשט ווערן אויפן גוף, דעמאלטס האט זיך געלוינט פאר די נשמה אראפצוקומען אויף די וועלט, און די דורכגיין אלע צער און שווערעקייטן וואס א נשמה גייט אריבער ווען זי קומט אראפ אויף די וועלט.

אבער אויב עס איז חלילה פארקערט, די נשמה קומט אראפ אויף די וועלט, און נישט נאר וואס עס טוט גארנישט אויף, ווערט די נשמה פארפאטשקעט און שמוציג, און די נשמה האט נאר דערלייגט פארן אראפקומען אויף די וועלט.

ווייל אזוי ווי מען האט מסביר געווען, די נשמה דאס איז דער מענטש, און וואס מען טוט פארן נשמה דאס האט מען, און מיט דעם פארבלייבט מען, און די גוף טיילט זיך אפ פונעם מענטש און ווערט רימה ותולעה', און מען בלייבט נאר איבער מיט די נשמה.

---

ט איתא שם בגמרא, תנו רבנן, מעשה במונבז המלך שבזבז אוצרותיו ואוצרות אבותיו בשני בצורת, וחברו עליו אחיו ובית אביו ואמרו לו, אבותיך גנזו והוסיפו על של אבותם, ואתה מבזבזם! אמר להם, אבותי גנזו למטה, ואני גנזתי למעלה וכו', אבותי גנזו במקום שהיד שולטת בו, ואני גנזתי במקום שאין היד שולטת בו וכו', אבותי גנזו דבר שאין עושה פירות, ואני גנזתי דבר שעושה פירות וכו'. אבותי גנזו אוצרות ממון ואני גנזתי אוצרות נפשות וכו'. אבותי גנזו לאחרים, ואני גנזתי לעצמי וכו'. אבותי גנזו לעולם הזה, ואני גנזתי לעולם הבא וכו'.

י עיין בגמרא נזיר דף ד:

דעריבער דארף מען ארײנלייגן די עיקר עבודה אז די כח הרוחני פון די נשמה זאל שולט זיין אויף דער מענטש, און עס זאל אויך האבן א השפעה און כח אויף די גשמיות'דיגער טייל וואס דער מענטש פארמאגט, וואס דאס איז דער גוף, און עס אויך אויסארבעטן צו די חלק פון די נשמה.

## די גוף פון א איד קומט אויך ממקור הקדושה

טראץ וואס מען האט יעצט אויסגעשמועסט אז די עבודה איז צו איבערדרייען די גשמיות'דיגע גוף צו רוחניות, און דאס איז די שטענדיגע עבודה וואס א איד דארף ארבעטן זיין גאנצע לעבן, דארף מען אבער צולייגן, אז אפילו די גשמיות'דיגע גוף וועלכע איז באשאפן פון 'עפר', איז עס נישט באשאפן געווארן פון בלויז ערד אן קיין שייכות מיט רוחניות.

עס שטייט אין חז"ל[יא] ווען דער אויבערשטער האט גענומען ערד צו באשאפן אדם הראשון, האט דער אויבערשטער גענומען די ערד פון די 'מזבח אדמה', און די ספה"ק זענען מסביר אסאך פירושים און רמזים אין דער טעם דערפון.

איינע פון די פשטים ערקלערן די ספה"ק, אז דער אויבערשטער האט דוקא גענומען ערד פון אונטער די מזבח, צו ווייזן אז אפילו די גשמיות'דיגער חלק פון א מענטש איז אויך לכתחילה באשאפן געווארן מיט א קדושה, עס קומט פון א מקום קדוש, און עס איז א כלי וואס איז גרייט צו מקבל זיין קדושה און ווערט איבערגעדרייט צו רוחניות.

וואס טוט צוהעלפן די עבודה פון א מענטש צו איבערדרייען אלעס איז זיך - אפילו זיין גשמיות - אז עס זאל ווערן איין שטיק רוחניות, דעריבער האט אויסגעפעלט אז אפילו די גשמיות'דיגע חלקים פונעם מענטש זאלן קומען פון א מקור פון קדושה.

---

יא רש"י (בראשית ב, ז ד"ה עפר מן האדמה).

## א מענטש איז ארומגענומען מיט פולע כוחות דקדושה

און ווען א איד וואלט ווען געוואוסט מיט וויפיל כוחות דקדושה ער איז ארומגענומען וואלט ער צוגעגאנגען אינגאנצן אנדערש צו זיין לעבן.

**"דער אויבערשטער האט דוקא גענומען ערד פון אונטער די מזבח און דערמיט באשאפן אדם הראשון, צו ווייזן אז אפילו די גשמיות'דיגער חלק פון א מענטש איז אויך לכתחילה באשאפן געווארן מיט א קדושה, און עס איז א כלי וואס איז גרייט צו מקבל זיין קדושה און ווערט איבערגעדרייט צו רוחניות"**

לאמיר נעמען בלויז איין דוגמה פון די ווערטער פונעם רשב"א (בשו"ת ח"א סימן קצ"א[יב]) וואס ערקלערט די טעם פון נטילת ידים שחרית - די סיבה פארוואס מען דארף זיך וואשן אינדערפרי. זאגט דער רשב"א אז מען דארף זיך וואשן אזוי ווי די כהן גדול האט זיך געוואשן יעדע אינדערפריביים כיור אין בית המקדש, און האט זיך מקדש געווען צו די נייע עבודה פונעם טאג, אזוי אויך דארף יעדער איד זיך וואשן אינדערפרי זיך צוצוגרייטן און זיך מקדש זיין פאר די עבודה פון די נייע טאג.

און נאכמער שטייט אין זוהר הקדוש[יג] אז נאכדעם וואס מען וואשט זיך די הענט 'איקרי קדוש' מען ווערט אנגערופן א קדוש.

---

**יב** הובא דבריו בבית יוסף (סימן ד') ובמגן אברהם (שם ס"ק א'), ועיי"ש שכתב וז"ל, דבבוקר נעשה כבריה חדשה וצריכים אנו להודות לו, ועל דרך זה תקנו כל ברכות השחר, לפיכך צריכין אנו להתקדש בקדושתו וליטול ידיו מן הכלי ככהן שמקדש ידיו מן הכיור קודם עבודתו, ע"כ.

**יג** עיי"ש בב"י שהביא סמוכים לדברי הרשב"א אלה מדברי הזוה"ק דכתב, רזא דמילתא הכי הוא דלית בר נש בעלמא דלא טעים טעמא דמותא בליליא ורוחא מסאבא שריא על ההוא גופא, מאי טעמא בגין דנשמתא קדישא איסתלקת מיניה דבר נש ונפקת מיניה וכו' וכד אהדרת נשמתא לגופא אתעברת ההוא זוהמא והא איתמר דידוי דבר נש זוהמא דמסאב אישתאר בהו וכו' **וכד נטיל להון כדין הוא איתקדש ואיקרי קדוש.**

ווען מען איז זיך מתבונן בלויז אין די איין זאך פון נטילת ידים שחרית, און ווען מען וואלט געקענט בגרייפן וואס עס מיינט די קדושה וואס די כהן גדול האט באקומען יעדן טאג ווען ער איז נתקדש געווארן דורך קידוש ידים ורגלים. און פאר די זעלבע ענין, טוען אונז די זעלבע זאך יעדן אינדערפרי, און אזוי ווי עס שטייט אין די אויבנדערמאנטע זוהר הק' אז מען ווערט אנגערופן א קדוש דורכן זיך וואשן די נטילת ידים.

וויפיל מער חיות און חשק וואלט א מענטש באקומען צו דינען דער אויבערשטער ווען ער ווייסט וויפיל קדושה ער איז מוסיף אויף זיך מיט די קליינע עבודה? וויפיל מער פרישקייט וואלט דאס געגעבן פאר א מענטש צו טון די רצון ה' און נתקדש ווערן זיין נשמה און גוף אינאיינעם?

**"וויפיל מער חיות און חשק וואלט א מענטש באקומען צו דינען דער אויבערשטער ווען ער ווייסט וויפיל קדושה ער איז מוסיף אויף זיך מיט די קליינע עבודה? וויפיל מער פרישקייט וואלט דאס געגעבן פאר א מענטש צו טון די רצון ה' און נתקדש ווערן זיין נשמה אין גוף אינאיינעם?"**

און אזוי איז דאס אויף יעדע מצוה וואס מען טוט, אדער ווען עס קומט צו לערנען תורה, וואס יעדע ווארט איז מוסיף א געוואלדיגע קדושה אויף א מענטש, און עס ברענגט אים נענטער צום אויבערשטן, און עס איז מקשר און מדבק דער מענטש מיטן אויבערשטער.

און דאס איז די עבודה פון א מענטש דורכאויס זיין גאנצע לעבן צו מרבה זיין קדושה און הייליגקייט, און אזוי ארום ווערט קענען אויפהייבן זיין גשמיות'דיגער גוף און עס מהפך זיין צו רוחניות, און דערמיט איז ער דאס קונה מיט א שטענדיגע קנין לעולמי עד, ווייל צום סוף בלייבט ער נאר איבער מיט די נשמה, און וואס די נשמה האט, דאס איז אים געבליבן און נאר דאס פארמאגט ער.

און דאס ווענד זיך אין יעדע מענטש עקסטער וויפיל ער לעבט מיטן אויבערשטער, וויפיל ער איז דבוק מיט העכערקייט, און ער געדענקט שטענדיג אז ער איז דא אויף די וועלט צו טון די רצון ה', און אפילו

ווען ער טוט אין עניני עולם הזה, לייגט ער נישט אריין זיין גאנצע כח און ברען, און ווערט נישט געגצליך איבערגענומען מיט זיין קאפ אין הארץ אין עולם הזה'דיגע זאכן.

און אפילו ווען ער איז פארנומען מיט זאכן וואס פעלט אויס פארן גוף, איז ער ווייטער דבוק און מקושר צום אויבערשטער, און אלעס וואס ער טוט, ווערן געטון אויף די אופן ווי אזוי דער אויבערשטער וויל עס זאל געטון ווערן, און אזוי איז מען זוכה צו מקדש זיין און אויפהייבן די גשמיות צום באשעפער, און אפילו ווען מען איז פארנומען מיט עניני עולם הזה, קען מען ווייטער דינען דער אויבערשטער, און אזוי איז מען מקדש די גשמיות פארן באשעפער.

## מען ברענגט ביכורים פון די גשמיות וואס מען האט מעלה געווען פארן באשעפער

אין פרשת כי תבא (דברים כו, ב) שטייט אין די תורה די פרשה פון 'ביכורים': **וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא וְהָלַכְתָּ אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם.**

ווען א מענטש גייט אריין אין זיין פעלד און ער זעט ביי די פייגן ביימער, אז די פייגן פאנגן שוין אן צו ווערן געצייטיגט, איז דא א מצוה אין די תורה אז ער דארף נעמען די ערשטע פריש געצייטיגטע פרוכט, און דארף עס ארויפטראגן פאר ביכורים צום אויבערשטן.

מען דארף דאס ברענגן צום בית המקדש און דאס איבערגעבן פארן כהן, און זאגן: **הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה' אֱלֹקֶיךָ כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה' לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ וגו'. וְעַתָּה הִנֵּה הֵבֵאתִי אֶת רֵאשִׁית פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לִּי ה'.** מען ברענגט די פריש געצייטיגטע פרוכט פארן אויבערשטער אין די בית המקדש, און מען ווייזט די פרוכט וואס זענען געוואקסן אין ארץ ישראל, די לאנד וואס דער אויבערשטער האט געשאנקן פאר כלל ישראל.

**"וואס איז פשט אז א מענטש ברענגט אריין אין בית המקדש זיין פרישע פייגן? וואספארא שייכות האט זיינע פייגן מיטן בית המקדש? פארוואס דארף ער דאס איבערגעבן פאר כהן? און וואס וויל ער ווייזן דערמיט אז דאס זענען פירות פון ארץ ישראל?"**

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז פשט אז א מענטש ברענגט אריין אין בית המקדש זיין פרישע פייגן? וואספארא שייכות האט זיינע פייגן מיטן בית המקדש? פארוואס דארף ער דאס איבערגעבן פאר כהן? וואס דארף דער כהן טון דערמיט? און וואס וויל ער ווייזן דערמיט אז דאס זענען פירות פון ארץ ישראל?

נאר דער פשט איז זייער פשוט, די עבודה פון א מענטש וואס פארמאגט אין זיך א גוף - און איז ארומגענומען מיט גשמיות וואס פאדערט זיך צו האבן פארן לעבן - איז צו נעמען די גוף מיט די גשמיות און עס מקדש זיין און דערנעטערן צום באשעפער. ווען א מענטש האט א פעלד און ער ארבעט אין דעם, ער אקערט, זייעט, וכו', ער לייגט אריין כוחות אין גשמיות, איז די עבודה דערפון צו נעמען די גשמיות און עס אויפהייבן צום באשעפער.

ווען דער איד קומט אריין אין בית המקדש מיט זיינע פריש געצייטיגטע פרוכט, קומט ער ווייזן דערמיט פארן באשעפער, האסט מיר געגעבן די קרקע, האסט מיר געגעבן פרוכט וואס זענען געוואקסן, און זענען יעצט געווארן געצייטיגט, יעצט ברענג איך דיר די ערשטע פרוכט וואס איז ארויסגעקומען פון מיין הארעוואניע און איך ברענג עס פאר דיר, איך נעם מיין גשמיות און איך הייב עס אויף פארן באשעפער, און אלעס וואס איך טו אויף די גשמיות'דיגער וועלט איז כדי צו קענען טון די רצון ה'.

און מען נעמט די גשמיות'דיגע פרוכט און מען ברענגט עס אריין אינעווייניג אינעם בית המקדש, צו ווייזן, אז אפילו דאס איז גשמיות האט דאס א מקום אין בית המקדש, דער מענטש מיט זיין עבודה

האט זוכה געווען צו מעלה זיין די גשמיות אזוי הויך אז עס האט א מקום אינעם הייליגן בית המקדש.

דאס איז די מתנה וואס דער מענטש ברענגט פארן אויבערשטער. און באמת וואלט דער מענטש געברענגט די קרקע אליינס וואס איז נתקדש געווארן דורך זיין עבודה פון ארבעטן אין גשמיות למען שמו יתברך, און מהנה זיין דער אויבערשטער מיט זיין הארעוואניע וואס ער האט געהארעוועט כדי ס'זאל זיין השראת השכינה אין ארץ ישראל.

נאר מען קען פשוט נישט ברענגען די ערד אליינ'ס, דעריבער נעמט מען די פירות וואס זענען ארויס געוואקסן פון די ערד, און דאס ברענגט מען פארן אויבערשטער, אבער באמת מיינט מען דא די ערד אליינ'ס, וואס דאס איז די נחת רוח פארן אויבערשטער, אז א איד מיט זיין עבודה האט משרה געווען שכינתו דא אויף די וועלט.

און דאס איז וואס מען זאגט ווען מען ברענגט די ביכורים, **"הגדתי היום כי באתי אל הארץ"** איך בין אין ארץ ישראל, און איך האב געארבעט מיט די ערד וואס דער אויבערשטער האט מיר געגעבן, און איך האב דאס מקדש געווען און מעלה געווען צום באשעפער[יד].

**"דאס איז עבודה פון יעדער איד אויף די וועלט, צו ארבעטן אויף די גשמיות'דיגן גוף, און נעמען די גשמיות וואס מען פארמאגט ארום זיך, און דערמיט דינען דער אויבערשטער, און אזוי ווערט עס נתקדש און דערהויבן צו דער אויבערשטער"**

און דאס איז עבודה פון יעדער איד אויף די וועלט, צו ארבעטן אויף די גשמיות'דיגן גוף, און נעמען די גשמיות וואס מען פארמאגט ארום זיך, און דערמיט דינען דער אויבערשטער, און אזוי ווערט עס נתקדש און דערהויבן צו דער אויבערשטער.

---

יד וכדאיתא ב'בית אהרן' מהרה"ק ר' אהרן הגדול מקארלין זי"ע (פרשת כי תבא) שמפרש לשון הפסוק 'אשר תביא **מארצך**', שתפקידו של איש ישראל להעלות את הגשמיות והארציות מארצך למעלה העליונה, וזהו הענין של ביכורים להעלות הגשמיות להשי"ת.

## ווען מען איז מקדש די גוף איז מען זוכה צו השראת השכינה

און ווען מען לעבט אזוי אויף די וועלט, אז וואס מען טוט אין גשמיות, טוט מען מיט די רצון ה' כדי צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטער, איז מען דערמיט זוכה צו מקדש זיין די גוף, און מען איז זוכה צו א מורא'דיגע דרגה פון השראת השכינה, וואס דער שכינה רועט אויף די וועלט.

אזוי ווי מען זעט ביי אברהם אבינו, ווען דער אויבערשטער האט געגעבן פאר אברהם אבינו די מצוה פון ברית מילה, וואס די ענין פון ברית מילה איז צו נעמען דער גשמיות'דיגער גוף וואס דער אויבערשטער האט געגעבן פאר א מענטש, און דאס מקדש זיין און מעלה זיין פארן באשעפער.

שטייט דארט אין פסוק אז דער אויבערשטער זאגט פאר אברהם אבינו בראשית (בראשית יז, א) **הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי וֶהְיֵה תָמִים**, דורכדעם וואס דו וועסט מקדש זיין די גוף, וועסטו ווערן אנגערופן איינער וואס איז 'הולך לפני ה'' און ווערן דבוק און מקושר צום אויבערשטן, און זיין תמים מיט א שלימות.

און אזוי ווי עס שטייט ווייטער גלייך נאכדעם וואס אברהם אבינו האט זיך גע'מל'עט, (שם יח, א) **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'**. דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו, און ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע התקרבות צו אויבערשטער, און ער האט זוכה געווען צו גאר א הויכע דרגה פון השראת השכינה.

## די כח הרוחני דארף שולט זיין אויף די כח הגשמי

דאס זענען די צוויי עבודות וואס א מענטש דארף שטענדיג ארבעטן אויף זיך, סיי צו אויפהייבן די חלק הרוחני – די חלק הנשמה – אז דאס זאל שולט זיין אויפן מענטש, און סיי אז ווען מען טוט סיי וועלכע גשמיות'דיגע זאך, זאל דאס ווערן געטון מיט א קדושה, כדי ס'זאל נתעלה ווערן צום באשעפער.

עס שטייט אין די תורה, נאכדעם וואס די אנשי סדום האט געזינדיגט אוןווידערגעשפעניגט אין די גוט'ס וואס דער אויבערשטער האט זיי געגעבן, האט דער אויבערשטער אראפגעשיקט די מלאכים זאלן גיין חרוב מאכן סדום.

מען קען ערקלערן פשט פארוואס האט דער אויבערשטער געוואלט באשטראפן אנשי סדום פאר זיינע עבירות מיט דער עונש אז סדום זאל ווערן חרוב און איבערגעדרייעט?

נאר דער פשט איז אזוי, ביי א געווענליכער מענטש איז פארהאן צוויי באזונדערע חלקים, די חלק הנשמה וואס דאס איז די רוחניות'דיגער טייל פון א מענטש, און דערנאך איז פארהאן די חלק הגוף – עפר, וואס דאס איז געווענליך א עקסטערע חלק פונעם מענטש.

און די מלחמה איז שטענדיג, וועלכע חלק געוועלטיגט אויפן מענטש, צו די כח הרוחני איז שולט אויף די כח הגשמי, אדער פארקערט, די כח הגשמי נעמט איבער דאס גאנצע מענטש, און עס איז שולט אויך אויף די כח הרוחני.

עס שטייט אין פסוק (בראשית יג, יג), **וְאַנְשֵׁי סְדֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַה' מְאֹד**, די אנשי סדום זענען געווען שלעכט אין זינדיג פארן אויבערשטער, זיי האבן זיך נאכגעגעבן אלע זייערע גשמיות'דיגע תאוות, און האבן זיך געלאזט וואויל גיין, און ס'איז נתגבר געווען ביי זיי די עפר הגשמי אויף א מורא'דיגע פארנעם, און עס האט איבערגענומען זייער חלק הרוחני און פארפאטשקעט און פארדארבן זייערע נשמות און רוחניות.

דעריבער האט זיי דער אויבערשטער געוואלט באשטראפן מדה כנגד מדה[טו], אז די שטאט זאל זיך איבערדרייען און די עפר זאל חרוב מאכן סדום[טז], אלץ עונש וואס זיי האבן איבערגעדרייט זייער חלק הגשמי אויף זייער חלק הרוחני.

---

טו כדאיתא בחז"ל (סנהדרין צ.) כל מדותיו של הקב"ה מדה כנגד מדה.

טז והיינו, אז די עפר זאל זיך מתגבר זיין אויף זיי, און די שטאט זאל איבערגעדרייט ווערן, אלץ עונש וואס זיי האבן גענומען זייערע חלק העפר און מתגבר געווען אויך

און עס שטייט ווייטער אין די תורה אז אברהם אבינו איז געגאנגען מתפלל זיין און בעטן דער באשעפער אז סדום זאל נישט חרוב ווערן. שטייט אין פסוק, אברהם אבינו האט זיך איינגעבעטן ביים באשעפער אז ער זאל נישט חרוב מאכן סדום, און האט געזאגט (שם יח, כז): **הִנֵּה נָא הוֹאַלְתִּי לְדַבֵּר אֶל ה' וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר.**

מען קען ערקלערן פשט וואס אברהם אבינו האט געוואלט זאגן און בעטן פארן באשעפער מיט די ווערטער 'ואנכי עפר ואפר'.

וויבאלד אברהם אבינו האט אויסגעארבעט זיין גוף - די עפר ואפר - בתכלית השלימות, און האט מתגבר געווען זיין חלק הרוחני איבער זיין גאנצע גוף, און דערמיט זוכה געווען אז די חלק הגוף זאל אויך נתהפך ווערן צו קדושה, און עס איז נישט געווען ביי אים צוויי באזונדערע חלקים, זיין גוף איז אויך געווען א רוחניות אזוי ווי די נשמה.

דעריבער האט ער געקענט זאגן פארן באשעפער, 'ואנכי' – איך בין אויך מיין חלק פון עפר ואפר, ס'איז נישט קיין עקסטערע חלק פון מיר, נאר מיין עפר ואפר איז אויך נתעלה געווארן צו די קדושה.

און דאס איז געווען די פאסיגע בקשה וואס אברהם אבינו האט געבעטן פון דער אויבערשטער אויף די אנשי סדום, אז דער אויבערשטער זאל נישט איבערדרייען סדום, און לאזן די 'עפר' פון סדום על מקומו.

וויבאלד אברהם אבינו זעלבסט איז געווען איינער וואס האט זיך מתגבר געווען אויף זיין חלק העפר, דעריבער האט ער געבעטן פון דער אויבערשטער זאל טון די זעלבע מיטן שטאט סדום, און נישט חרוב מאכן די שטאט אז די עפר זאל זיך מתגבר זיין אויף די מענטשן.

האט דער אויבערשטער געענטפערט פאר אברהם אבינו, דו טענה'סט אז דער מענטש איז שולט אויפן עפר, און דעריבער טאר מען נישט איבערדרייען די עפר אויפן מענטש, לאמיר זען צו מען טרעפט א צדיק דארט אין שטאט, וואס איז א מושל אויפן עפר, און איז מושל

---

זייערע חלק הרוחני.

אויף זיי גוף, און ווערט נישט נאכגעשלעפט און געוועלטיגט פון זיינע תאוות גשמיות.

און אויב ווער מען ווירקליך טרעפן א צדיק אין שטאט, וואס מען טאקע נישט חרוב מאכן די שטאט, און מתגבר זיין די עפר אויף די מענטשן, אבער וויבאלד מען האט נישט געטראפן א צדיק וואס זאל קענען מגין זיין אויפן שטאט, האט דער אויבערשטער איבערגעדרייט און חרוב געמאכט סדום, און די עפר האט גובר געווען אויף די מענטשן, אלץ מדה כנגד מדה וואס זיי האבן איבער געשטארקט זייער חלק הגשמי אויף זייער חלק הרוחני.

## די הייליגע ספר תורה פון משה רבינו

און דאס איז די דרגה וואס משה רבינו איז צוגעקומען, אז ער האט מקדש געווען זיין גוף אז ס'זאל ווערן אינגאנצן איבערגעדרייט צו איין שטיק רוחניות, און ס'איז געווארן א חלק פון די נשמה.

אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אויף משה רבינו (שמות לד, כח) **וַיְהִי שָׁם עִם ה' אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לַיְלָה לֶחֶם לֹא אָכַל וּמַיִם לֹא שָׁתָה**, משה רבינו איז געווען דריי מאל[יז] אין הימל אויף פערציג טעג און פערציג נעכט אן קיין עסן און טרינקן.

אונז קענען ניטאמאל באגרייפן אין די דרגה פון קדושת הגוף וואס משה רבינו איז צוגעקומען, און ווען משה רבינו האט געשריבן די ספרי תורות אין שבת, האט עס האט געהאט א געוואלדיגע קדושה, העכער פון סיי וועלכע מענטש'ליכע השגה.

---

יז דער ערשטער מאל איז משה רבינו ארויף צו באקומען די לוחות הראשונות. דער צווייטער מאל איז משה רבינו ארויף צו בעטן דער אויבערשטער זאל מוחל זיין כלל ישראל נאכדעם וואס די אידן האט געזינדיגט מיטן עגל. דער דריטער מאל איז משה רבינו ארויף צו באקומען די לוחות שניות.

און די ספר תורה וואס משה רבינו האט געשריבן האט מען אריינגעלייגט אין די ארון הקודש[יח] צוזאמען מיט די הייליגסטע זאך וואס כלל ישראל פארמאגט - די לוחות העדות - וואס איז אראפגעברענגט געווארן פון הימל. און דאס האט באגלייט כלל ישראל ווען זיי זענען אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל.

דערמיט זענען די אידן אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, און מיט דעם האט כלל ישראל מקדש געווען די לאנד, און אויף אזא אופן איז מקוים געווארן דאס וואס משה רבינו האט געזאגט פאר כלל ישראל (דברים יא, כד) **כָּל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר תִּדְרֹךְ כַּף רַגְלְכֶם בּוֹ לָכֶם יִהְיֶה**[יט]. 'לכם יהיה' מיינט נישט בלויז אין גשמיות, עס מיינט אויך אז די אדמה וועט נתקדש ווערן בקדושה של מעלה, מיט א העכערע קדושה פון קדושת ארץ ישראל.

און די הייליגע ספר תורה פון משה רבינו איז געלעגן באהאלטן אין די הייליגסטע ארט וואס איז נאר פארהאן, און מען האט עס כמעט נישט ארויסגענומען פון דארט, אויסער אינעם הייליגסטן טאג פונעם יאר אום יום הקדוש[כ], וואס נאר דעמאלטס האט מען עס געקענט ארויסנעמען, וויבאלד אום יום כיפור ווערט יעדע איד נתעלה העכער פון גשמיות, און מען קומט אן צו די דרגה פון מלאכים, און מען איז אויף א מדריגה וואס מען קען האבן א שטיקל שייכות מיט די ספר תורה וואס איז געשריבן געווארן מיט התפשטות הגשמיות, מיט די קדושה פון משה רבינו ע"ה.

---

יח כדאיתא בחז"ל בבא בתרא (דף יד.) ועיי"ש.

יט אזוי אויך האט דאס דער אויבערשטער געזאגט צו יהושע בן נון, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יהושע א, ג) **כָּל מָקוֹם אֲשֶׁר תִּדְרֹךְ כַּף רַגְלְכֶם בּוֹ לָכֶם נְתַתִּיו**.

כ עיין ברש"י (בבא בתרא יד. ד"ה ספר עזרה) וז"ל ספר שכתב משה ובו קורין בעזרה פרשת המלך בהקהל וכהן גדול ביום הכיפורים, עכ"ל. ויש בזה הרבה דיעות, ועיי"ש בדברי הראשונים (שיטה מקובצת בשם הראב"ד, תוס' שם, ועוד) מתי הוציאו הספר תורה מתוך ארון העדות.

## מען דארף טון לויט די כוחות פון יעדע מענטש באזונדער

אבער ווי פארשטייט זיך איז דא א גרויסע עבודה צו קענען דערגרייכן צו אזא הויכע מדריגה פון זיך גענצליך אפשיידן פון די גשמיות'דיגע גוף, און מען זאל זיין נאר א שטיק רוחניות, און דאס איז א מדריגה פון נאר גרויסע צדיקים קומען אן דערצו.

א שטייגער ווי דער הייליגער נודע ביהודה, וואס דער זון שילדערט ווי אזוי עס האט אויסגעזען יום הקדוש ביי זיין הייליגע טאטע דער נודע ביהודה, ווען דער נודע ביהודה איז אריינגעקומען ערב יום הקודש אין ביהמ"ד צו כל נדרי האט דער משמש אים ארומגענומען מיט א שטריק ארום די שטענדער, און דער נודע ביהודה איז אזוי געשטאנען גאנץ יום כיפור ביז נאך נעילה, וואס דאס איז א זאך וואס איז נישט מעגליך פאר א מענטשליכע גוף צו קענען באוויזן איבערהויפט ווען מען פאסט.

דאס א ביישפיל פון די פריערדיגע גאונים וצדיקים וואס זייער גוף האט נישט תופס מקום געווען ביי זיי, וכהנה רבות, וואס איז געווען ביי די צדיקים וואס האבן אויסגעארבעט זייער גוף, אז עס זאל ווערן איבערגעדרייט צו רוחניות, און ווערן א חלק פון די נשמה.

וועט א מענטש פרעגן, וואס זאל איך יעצט טון? פון יעצט און ווייטער זאל איך זיך אפרייסן פון מיין גוף? איך זאל זיין כל כולו לה'? דאס איז דאך נישט מעגליך פאר אונז פשוט'ע מענטשן צו באווייזן.

נאר די עבודה איז אז אפילו מען האט נישט די כוחות, און מען איז נישט אויף די מדריגה צו מעלה זיין די גאנצע גשמיות, דארף מען אבער אריינלייגן א עבודה צו טון וואס מען קען. און מען דארף וויסן אז יעדע קלייניקייט וואס מען טוט איז א ריווח פאר זיך, און יעדע ביסל וואס מען נעמט אראפ פון זיך ווערט מען נתעלה און נתקדש, און דאס פארשאפט א גרויסע נחת רוח

**"וואס זאל איך יעצט טון? פון יעצט און ווייטער זאל איך זיך אפרייסן פון מיין גוף? איך זאל זיין כל כולו לה'? דאס איז דאך נישט מעגליך פאר אונז פשוט'ע מענטשן צו באווייזן!"**

פארן אויבערשטער, און עס ברענגט אריין א קדושה אינעם מענטש און אין גאנץ כלל ישראל.

און עס איז נישטא קיינער וואס קען זאגן, איך שפיר זיך צו שטארק מגושם אין די גשמיות, און שפיר נישט אז איך האב די כוחות דאס צו מעלה זיין פארן אויבערשטער, וויבאלד דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט א כח אין די גשמיות'דיגע עפר פון וואס דער גוף איז באשאפן געווארן, און גענומען 'עפר מתחת מזבח אדמה' און דערמיט באשאפן דער מענטש[כא], און האט אריינגעלייגט די כוחות אין יעדע איד אז ער זאל קענען נעמען זיין גשמיות און זיך דערהייבן צו דער אויבערשטער.

## משיח צדקינו ווארט אויף אונזערע מעשים כדי צו קומען אויסלייזן

עס שטייט אין חז"ל (סוכה נב.) איידער עס וועט קומען די גאולה השלימה, וועט 'משיח בן יוסף' גע'הרג'עט ווערן, זאגט די גמרא: **משיח בן דוד שעתיד להגלות במהרה בימינו, אומר לו הקדוש ברוך הוא, שאל ממני דבר ואתן לך וכו', וכיון שראה משיח בן יוסף שנהרג, אומר לפניו, רבונו של עולם, איני מבקש ממך אלא חיים וכו'**. נאכדעם וואס משיח בן יוסף וועט גע'הרג'עט ווערן, וועט משיח בן דוד נאר בעטן פון דער אויבערשטער אז ער זאל בלייבן לעבן.

האט דער אויבערשטער געענטפערט: **עד שלא אמרת, כבר התנבא עליך דוד אביך שנאמר** (תהלים כא, ה) **חַיִּים שָׁאַל מִמְּךָ נָתַתָּה לּוֹ וגו'**. דיין טאטע דוד המלך האט זיך שוין אויסגעבעטן פאר דיר דו זאלסט בלייבן לעבן.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דארף משיח בן יוסף גע'הרג'עט ווערן? אויך דארף מען פארשטיין פארוואס נאכדעם וואס משיח בן

---

**כא** אזוי ווי עס איז אויסגעשמועסט געווארן בס"ד באריכות אינעם ערשטן טייל פונעם מאמר.

יוסף ווערט גע'הרג'עט האט משיח בן דוד אויך מורא אז ער וועט גע'הרג'ט ווערן, און ער בעט נאר פונעם אויבערשטן אז ער זאל בלייבן ווייטער לעבן?

נאר עס שטייט פון רבי עובדיה מברטנורא א מורא'דיגע זאך, וויבאלד משיח בן יוסף נעמט אויף זיך די יסורים און צער פון יעדע איד, און פון אלע חולי ישראל, דעריבער איז זיין מיתה מכפר אויף די דור.

און אזוי אויך איז די זעלבע זאך זאגן חז"ל אויף משיח בן דוד, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (סנהדרין צח.) אז אליהו הנביא האט געזאגט פאר רבי יהושע בן לוי אז משיח בן דוד זיצט ביי די טויערן פון רוים צווישן די ארימעלייט, און איז ארומגענומען מיט יסורים און קרעץ, און ליידט יסורים פאר די דור.

זעט מען פון דעם אז משיח בן דוד ליידט אויך פארן דור, אזוי ווי משיח בן יוסף, דעריבער ווען משיח בן דוד האט געזען אז משיח בן יוסף וועט גע'הרג'עט ווערן איידער משיח קומט, האט ער אויך מורא געהאט דערפון, דעריבער האט ער געבעטן דער אויבערשטער אז ער זאל בלייבן לעבן[כב].

עס שטייט דארט ווייטער אין די גמרא, אז רבי יהושע בן לוי איז געגאנגען צו טויערן פון רוים און געטראפן משיח, און האט אים געפרעגט, 'לאימת אתי מר' - ווען קומט משיח אויסלייזן כלל ישראל, האט משיח געענטפערט: 'היינט!' און שפעטער האט משיח בן דוד מסביר געווען פאר ר"י בן לוי, אז דאס מיינט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים צה, ז), **הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**.

משיח איז שוין גרייט צו קומען יעדן איינציגסטע טאג, אזוי ווי די גמרא זאגט דארט, אז אלע ארימעלייט זיצן און בינדן אויף אלע זייערע

---

כב די סיבה פארוואס משיח בן דוד דארף נישט גע'הרג'עט ווערן צו ליידן די יסורים פון חולי ישראל, איז וויבאלד ער שטאמט פון דוד המלך, און דוד המלך האט שוין גענוג געליטן יסורים פאר כלל ישראל, און מען נוצט די ספר תהילים פון דוד המלך וואס איז מסוגל פאר אלע ישועות און רפואות, ויש להאריך בזה.

באנדאזשירן אויף איינמאל און רייניגן זיך פון זייערע נגעים, און נאכדעם בינדן זיי עס צוריק, דאקעגן משיח בינדט אויף יעדע באנדאזש עקסטער, אז טאמער עס וועט קומען די ריכטיגע צייט צו אויסלייזן כלל ישראל, זאל מען נישט דארפןווארטן ביז ער ענדיגט ארומבינדן אלע זיינע באנדאזשירן, נאר ער זאל קענען גלייך קומען אויסלייזן כלל ישראל.

נאר משיח ווארט אויף אונז כלל ישראל, עס זאל זיין 'בקולו תשמעו', מען זאל צוהערן צו די קול פונעם אויבערשטן און טון זיין רצון. און ווען מען ווייסט דאס אז משיח זענען מקבל אונזערע יסורים - די יסורים פונעם דור, ווי אזוי קען זיך א מענטש לאזן וואויל גיין אין די צייט וואס מען ווייסט אז משיח בן יוסף און משיח בן דוד ליידן אונזערע יסורים, און זיי ווארטן אויף אונזערע מעשים אז זיי זאלן קענען קומען אויסלייזן כלל ישראל.

אזוי ווי מען זאגט יעדן טאג, דריי מאל א טאג אין שמונה עשרה, **את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח**, אונז דאווענען אז דוד המלך זאל ארויסשפראצן, פון וואו שפראצט ארויס דוד המלך? ער שפראצט ארויס פון אונזערע גוטע מעשים, פון דאס וואס אונז זענען מרבה קדושה אויף די וועלט, און דערמיט ווערט די וועלט ראוי פאר השראת השכינה, און דורכדעם איז מען זוכה צו מקדש זיין די כח העפר, אז די גשמיות וואס אונז טוען זאל ווערן געהייליגט.

און דערפון שפראצט ארויס משיח, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל אז משיח ווערט אנגערופן מיטן נאמען 'צמח'[כג], ער וועט קומען דורכדעם וואס אונז וועלן מקדש זיין די וועלט מיט די גשמיות, און די וועלט וועט ווערן ראוי פאר השראת השכינה, פון דעם קומט ארויס משיח.

---

כג עיין במדרש (איכה רבה א, נא) מה שמו של מלך המשיח, ר' יהושע בן לוי אמר צמח שמו, שנאמר (זכריה ו, יב) **הִנֵּה אִישׁ צֶמַח שְׁמוֹ וּמִתַּחְתָּיו יִצְמָח וּבָנָה אֶת הֵיכַל ה'**. ועיי"ש.

## מעלה זיין גשמיות צו רוחניות
## אפילו אויב ס'איז נאר א קלייניקייט

חכמינו ז"ל האבן מתקן געווען די נוסח הברכה פון מעין שלש, אין די נוסח הברכה זאגט מען די ווערטער: '**והעלנו לתוכה ושמחנו בבנינה, ונאכל מפריה ונשבע מטובה, ונברכך עליה בקדושה ובטהרה**'.

צוערשט דארף מען פארשטיין וואס איז פשט אינעם לשון 'ונברכך עליה בקדושה ובטהרה'? מען איז מתפלל צו דער אויבערשטער מען זאל קענען מאכן א ברכה מיט א קדושה און טהרה. דאס איז א לשון וואס מען טרעפט נישט געווענליך אין אנדערע ערטער[כד] וואס מען זאל זאגן די ווערטער 'בקדושה ובטהרה'[כה].

אויך דארף מען פארשטיין די נוסח וואס מען איז מתפלל, 'והעלנו לתוכה ושמחנו בבנינה, ונאכל מפריה ונשבע מטובה'. דאס איז פארוואס אונזווארטן אז די בית המקדש זאל אויפגעבויעט ווערן? אז אונז זאלן קענען גיין ארץ ישראל און עסן די פירות וואס וואקסן דארט?[כו]

---

**כד** בפשטות איז דער תרוץ, אז מען בעט דער אויבערשטער אז מען זאל זוכה זיין אז משיח זאל קומען און מען זאל קענען עסן פירות ארץ ישראל, און מען וועט זוכה זיין צו עסן די פירות מעשר שני און נטע רבעי וואס דארף ווערן געגעסן בקדושה ובטהר, (ועיין בחידושי הגרי"ז החדשים סימן ס"ב). אבער דאס דארף מען אויך פארשטיין, וואס איז די גרויסקייט פון עסן מעשר שני אין ירושלים, אז מען זאל דייקא דאס דערמאנען יעדעס מאל ווען מען מאכט די ברכה פון מעין שלש.

**כה** אפילו אין די נוסח פון ברכת המזון ווערט נישט דערמאנט די לשון פון 'קדושה וטהרה'.

**כו** בפשטות איז דער תרוץ, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סוטה מט.) פון דער טאג וואס די בית המקדש איז חרוב געווארן, איז אוועקגענומען געווארן די טעם פון פירות ארץ ישראל, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל, ווען די בית המקדש איז געשטאנען האט מען ממש געקענט שיכור ווערן פון די גוטע פירות, און דאס איז אוועקגענומען געווארן ווען די בית המקדש איז חרוב געווארן, און אויף דעם דאווענט מען. אבער דאס דארף מען אויך פארשטיין, וואס איז אזוי ספעציעל מיט די גוטע פירות פון ארץ ישראל אז מען זאל דאווענען פאר דעם ביי יעדע ברכה.

**"ווען א איד נעמט עפעס אריין אין מויל, אפילו ס'איז נאר א קלייניקייט, דארף ער געדענקן אז ער איז דא צו אויפהייבן די גשמיות פון יעדע קליינע זאך"**

נאר מען קען עס ערקלערן לויט די יסוד וואס האט מסביר געווען, אז די עבודה פון א איד איז צו נעמען די גשמיות און עס מעלה זיין צו די קדושה, דעריבער ווען א איד נעמט עפעס אריין אין מויל, אפילו ס'איז נאר א קלייניקייט, דארף ער געדענקן אז ער איז דא צו אויפהייבן די גשמיות פון יעדע קליינע זאך.

דעריבער האבן חז"ל מתקן געווען מען זאל זאגן די נוסח 'בקדושה ובטהרה', אז מען זאל זיך נישט אריינלייגן אין גשמיות, און מען זאל אלעס ארויפברענגן צו רוחניות, אויך האבן חז"ל צוגעלייגט מען זאל בעטן פארן בית המקדש, וואס דורכדעם וואס מען לעבט מיט א העכערקייט און מען איז מעלה די גשמיות, איז מען זוכה צו דערנענטערן די גאולה, און מקרב זיין די בנין בית המקדש.

## די פינטעלע נשמה פון יעדע איד קען נישט ווערן מגושם

און אזוי ווי מען האט געשמועסט איז די עבודה צו ארבעטן סיי מיטן מתגבר זיין די כח הנשמה - די כח הרוחני פונעם מענטש, און אזוי אויך אויסארבעטן די גשמיות אז ס'זאל נתעלה ווערן צו רוחניות, און אזוי קען מען ווערן דבוק און מקושר צום אויבערשטער.

אבער אזוי ווי ווען מען האט ארויסגעברענגט אז ס'קען זיין א צדיק וואס האט אויסגעארבעט זיין גוף אז ס'זאל גענצליך נתהפך פארן צו א חלק פון די נשמה, און ער זאל ווערן איין שטיק רוחניות, און ער זאל נישט האבן קיין שיעבוד צו זיין גוף[כז].

כז אזוי ווי עס איז געווען ביי משה רבינו, אז זיין גוף איז נתהפך געווארן צו א נשמה, און דער גוף פון משה רבינו געקענט ווייטער ממשיך זיין צו לעבן נאכדעם וואס די נשמה איז שוין ארויס פונעם גוף.

דאס זעלבע זאך קען חס ושלום זיין פארקערט, א מענטש וואס פאלט אריין זייער טיף אין גשמיות און ווערט אזוי שטארק דערנידערט און אזוי שטארק מגושם, אזוי ווייט אז זיין נשמה האט שוין כמעט מער נישט קיין מקום ביי דער מענטש, און ער דרייט זיך כמעט ארום מיט א גוף אן א נשמה, און ס'איז ח"ו כמעט הסתלקות הנשמה.

און ווען דער מענטש זעצט זיך לערנען א בלאט גמרא, איז ער נישט מסוגל צו פארשטיין די הייליגע ווערטער פון די תורה, אז ער איז אזוי אריינגעטון און עניני עולם הזה, זיין גוף איז אזוי מגושם, אז עס קען זיך נישט אנקלעבן אין אים דברים רוחניים.

און די זעלבע איז ווען ער גייט דאווענען, זיין קאפ קען זיך נישט האלטן אינעם סידור, זיינע מחשבות פליען אים ארום, און ער קען זיך נישט מתבונן זיין אין די ווערטער וואס ער זאגט, זיין מגושמ'דיגער גוף שפירט נישט קיין קרבות אלקים, און ער שפירט נישט ווי ער שטייט פארן אויבערשטער און רעדט צו אים.

פונדעסטוועגן דארף מען וויסן - וויפיל פארגרעבט א מענטש זאל נאר נישט זיין, אפילו עס דאכט זיך אים אז ער איז שוין ווי א טויטע מענטש וואס האט מער נישט קיין נשמה - ווילאנג א מענטש לעבט האט ער א נשמה אין זיך, און ער פארמאגט אין זיך א חלק אלקי ממעל, און די פינטעלע שיין און רוחניות'דיגער ליכטיגקייט גייט קיינמאל נישט אוועק פון קיין שום אידיש קינד. און מען דארף נאר אביסל ארבעטן אז עס זאל צוריק אויפשיינען.

**"עס קען חס ושלום זיין פארקערט, א מענטש פאלט אריין זייער טיף אין גשמיות און ווערט אזוי שטארק מגושם, אזוי ווייט אז זיין נשמה האט שוין כמעט מער נישט קיין מקום ביי דער מענטש, און ער דרייט זיך כמעט ארום מיט א גוף אן א נשמה, און ס'איז ח"ו כמעט הסתלקות הנשמה"**

אזוי ווי מען האט געזען דורכאויס די אלע דורות, אפילו עס זענען געווען אידן וואס זענען געווען זייער שוואך אין אידישקייט, אפילו אידן וואס האבן כמעט נישט געוואוסט אז זיי זענען אידן

און האבן נישט געהאט די מינדעסטע שייכות צו רוחניות, ווען עס איז געקומען צו טשעפען זייער פינטעלע איד, האט דאס מיטאמאל אויפגעפלאקערט און זיי זענען געווען גרייט זיך צו מוסר נפש זיין, און זיך לאזן הרג'ענען פארן באשעפער.

און דאס קומט פון די פינטעלע איד וואס ליגט באהאלטן אין יעדעם איינעם, טראץ וואס קען זיין אז צומאל שפירט מען עס נישט, איז מען קיינמאל נישט פארפאלן און ווילאנג א איד לעבט וועט ער דאס אייביג האבן אין זיך.

אזוי ווי מען זעט אין חז"ל, אז די מקום המקדש, טראץ וואס די בית המקדש איז חרוב געווען, און כלל ישראל איז פארטריבן געווארן אין גלות און דער אויבערשטער איז מיטגעגאנגען מיט זיי אין גלות. פונדעסטוועגן שטייט אין חז"ל (שמות רבה ב, ב) **לא זזה שכינה מכותל המערבי**, די שכינה האט זיך קיינמאל נישט אוועקגערירט פונעם כותל המערבי.

לכאורה ווען מען קוקט אן היינט צוטאג'ס די מקום המקדש, זעט מען ליידער נישט די קדושה וואס איז שורה אויף יענעם ארט, אבער פונעדעסוועגן ווייסן אונז וואס די פלאץ ווייזט אונז אן, און וואס עס איז געווען דארט.

פארדעם מאכט מען א ברכה דריי מאל א טאג: **המחזיר שכינתו לציון**. עס איז פארהאן אסאך פשטים פארוואס ירושלים ווערן אנגערופן מיטן נאמען 'ציון', איינע פון די פשטים וואס די הייליגע ספרים זענען מסביר, אז ציון איז א לשון פון א צייכן וואס אן אויף א געוויסע זאך[כח], טראץ וואס אונז זען נישט די קדושה פונעם מקום המקדש, ווייסט מען אז עפעס ליגט דא אונטער דעם.

---

**כח** לדוגמה א ציון פון א צדיק, די שטיין אליין מיינט נישט גארנישט, אז ווייזט אן אז דא ליגט א צדיק, עס דינט ווי א צייכן צו א געוויסע זאך.

די זעלבע זאך איז מיט א נשמה און די המשכה רוחניות פון א מענטש וואס ווערט אנגערופן ציון[כט], טראץ וואס די גוף איז געווארן זייער פארגרעבט, אז עס איז ח"ו שוין געווען הסתלקות הנשמה, מיט דעם אלעם בלייבט די צייכן פון די נשמה, און וואס מען זאל נאר נישט טון, קען דאס נישט אוועק נעמען די קדושה וואס עס ליגט אין יעדע נשמה פון איד, און עס איז נאכאלץ דא די מעגליכקייט אז מען זאל צוריק באקומען די השראת השכינה, מען זאל קענען צוריק נאנט ווערן צו דער אויבערשטער.

**"עס בלייבט שטענדיג די צייכן פון די נשמה, און וואס מען זאל נאר נישט טון, קען דאס נישט אוועק נעמען די קדושה וואס עס ליגט אין יעדע נשמה פון איד, און עס איז נאכאלץ דא די מעגליכקייט צוריק צו באקומען די השראת השכינה, מען זאל קענען צוריק נאנט ווערן צו דער אויבערשטער"**

דערפאר דארף מען שטענדיג געדענקן די שטענדיגע עבודה וואס ליגט אויף יעדע איד, און מען דארף וויסן וויפיל מען קען אלץ אויפטון מיט יעדע קליינע פעולה וואס מען טוט, און יעדע זאך וואס מען ברענגט נענטער צו רוחניות איז מען זוכה צו מקדש זיין די וועלט, און פארמערן השראת השכינה צווישן כלל ישראל.

און מען דארף וויסן אז די כוחות ליגט אין יעדער איינער פון אונז, און יעדער איינער קען אויספירן די עבודה פון פארמערן די כח הרוחני פון זיין נשמה, און אויפהייבן די גשמיות צום אויבערשטער, און אזוי איז מען זוכה צו לעבן מיטן באשעפער סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, און מען איז זוכה אז די שכינה זאל רוען צווישן אונז, און אזוי איז מען זוכה צו מקרב זיין די גאולה השלימה במהרה בימינו, אמן.

כט עיין בויקרא רבה (כד, ד). וע"ע בשפת אמת (פרשת קדושים שנת תר"נ ד"ה במדרש ישלח).

# לזכר עולם יהיה צדיק

**הגליון הלז נתנדב לזכרו ולעילוי נשמתו הטהורה של**

רב האי גאון וצדיק המפורסם בתורתו ובחסידותו שר התורה מנורה הטהורה ומגדולי עמודי ההוראה, זקן ויושב בישיבה אשר העמיד תלמידים לאלפים לשם ולתפארת פה מפיק מרגליות אשר דבריו, הבאים מעומק לבבו הטהור נכנס ללב השומעים לעורר בני ישראל לאביהן שבשמים

**חותן המלך יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## כקש"ת מרן **חיים מאיר הלוי** זצוק"ל

## בן מרן רבינו **שמואל** זצוק"ל

# וואזנער

**גאב"ד זכרון מאיר ב"ב – וראש ישבת חכמי לובלין**

# בעל מחשבת הלוי

**עלה בסערה השמימה יום כ"ה שבט תשפ"א**

זכותו הגדול יעמוד לימין חתנו הגדול מרן רבינו שליט"א וכל המשפחה הרוממה, ומה כאן עמד ומשמש אף שם יעמוד וישמש ויעתיר בעד מרן מאור עינינו עטרת ראשינו שליט"א שיזכה לרפואה שלמה ברמ"ח אבריו ושס"ה גידיו ויתחדש כנשר נעוריו ועוד רבות בשנים נזכה להתבשם מאורו הבהיר לשמוע לקח טוב מפיו מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, ועל מי מנוחות ינחנו להדריכנו במסילה העולה בית אל, עדי נזכה בקרוב לאורו של מלך המשיח וליום שכולו שבת במהרה בימינו אמן